ל. שאַפּיראָ

## שפּרוך חמתך

### א.

אמת, דאָס איז געווען אַ בייזער שטורעם; אָבער ווען ס׳איז אַלט נײַן יאָר, פֿאַרגעסט מען שנעל דעם גרעסטן שטורעם. און מאירלען איז עטלעכע וואָכן פֿאַר פּסח געוואָרן נײַן יאָר.

אמת איז אויך דאָס, אַז אין שטוב האָבן שטענדיק געצויגן אַזעלכע ווינטלעך, שאַרפֿע, פֿראָסטיקע ווינטלעך, וואָס האָבן געשטאָכן אין לײַב און יעדעס מאָל דערמאָנט. אָבער מאירל האָט געלעבט מער אין גאַס, איידער אין שטוב,-- געלעבט אין די ווילדע גאַסן פֿון ניו-יאָרק. טאַרטילאָוו -- און ניו-יאָרק! ניו-יאָרק האָט פֿאַרפּלייצט טאַרטילאָוו און עס אַראָפּגעשווענקט פֿון זכּרון. געבליבן בלויז אַן ערינערונג אַן אַ חלום. און דערצו, אַז מ׳איז אַלט נײַן יאָר, פֿאַרגעסט מען זייער גיך יעדן שטורעם.

נאָר אויב אַפֿילו דאָס איז געווען אַ חלום,-- טאָמער, ס׳אַראַ מוראדיקער חלום!...

געזעסן איז מען דעמאָלט אין חדר און געלערנט,-- געלערנט עפּעס אַזוי, פֿון יוצא ווערן, וואָרעם תּשובֿה-טעג, סוף "זמן", ווערט דער רבי מילדער. איז ווי מ׳זיצט אַזוי און מ׳לערנט, ווערט אין גאַס אַ קלאַפּערײַ מיט פֿירן, און דורך די פֿענצטער פֿון חדר זעט מען, ווי ייִדן לויפֿן אַרום דרויסן (עפּעס) אַזוי ווי אָן זינען, וואַרפֿן און דרייען זיך, פּונקט ווי בלעטלעך בעת אַ "ווינטער", ווען אַ מכשפֿה הייבט זיך אויף פֿון דער ערד אין אַ זײַל פֿון שטויב און טוט זיך אַ דריי איבער דער גאַס עפּעס אַזוי שמײַדיק און אומגעריכט, אַז עס גייט איבער אַ סקרוך איבערן לײַב... און אַזוי ווי מ׳לויפֿט אַזוי אין גאַס, לאָזט זיך דער רבי אַראָפּ אויף זײַן שטול און ווערט ווײַס, ממש ווי אַ טויטער, און די אונטערשטע ליפּ ציטערט זיך עפּעס אַזוי בײַ אים...

מער האָט אים שוין מאירל ניט געזען. שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז מ׳האָט דעם רבין דערהרגעט, אָבער מאירלען האָט די מעשׂה נישט קיין הנאה געטאָן, כאָטש דער רבי פֿלעגט שלאָגן ווי אַ גזלן, און נישט באַנג געטאָן אויך -- עס האָט זיך אים עפּעס סתּם נישט געלייגט אויפֿן שׂכל: וואָס איז שייך -- "דערהרגעט"?... און אָט אַזוי נישט קלאָרערהייט איז די פֿראַגע בײַ אים אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן, צוזאַמען מיטן רבין, וועלכן ער האָט בײַסלעכווײַז פֿאַרגעסן.

און נאָך דעם איז ערשט געווען אַ מורא. צוויי טעג זײַנען זיי אָפּגעלעגן אין באָד,-- ער און נאָך ייִנגלעך און עטלעכע עלטערע מענטשן, אָן עסן, אָן טרינקען און אָן טאַטע-מאַמע... מ׳האָט אים נישט געלאָזן גייען אַהיים, און אַז ער האָט זיך איין מאָל צעשריגן, האָט מען אים שיִער ניט דערשטיקט, און אַ צײַט דערנאָך האָט ער נאָך אַלץ געשלוכצט און זיך געטרייסלט, נישט קאָנענדיק אין זיך דערשטיקן דאָס געוויין מיט אַ מאָל. אַ פּאָר מאָל פֿאַר די (דער) צײַט איז ער אײַנגעשלאָפֿן, און ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז געווען אַלץ דאָס זעלבע. און צווישן אַלע שרעקן איז געווען בלויז איין וואָרט--"גוילם"--וואָס האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן עפּעס ווירקלעך שרעקלעכעס. דאָס איבעריקע איז געווען זייער נישט קלאָר, און אויסער דעם האָט ער טאַקע, אייגנטלעך, גאָרנישט ניט געזען.

און שפּעטער, ווען דאָס אַלעס איז פֿאָריבער, איז אַלץ נאָך אים קיינער נישט געקומען, און אַ פֿרעמדער ייִד האָט אים אָפּגעפֿירט אַהיים. און נישט דער טאַטע, נישט די מאַמע האָבן אים גאָרנישט ניט געזאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס קומען פֿון חדר, ווי אַלע טאָג.

③ אין שטוב

אַלעס אין שטוב איז געווען צעבראָכן. דעם טאַטן האָט מען אויסגעדרייט אַ האַנט און צעשלאָגן דאָס פּנים. די מאַמע איז געלעגן אויפֿן בעט, די בלאָנדע האָר צעוואָרפֿן, די אויגן ווי פֿאַרשלאָפֿן, דאָס פּנים בלאַס און קויטיק, און איר גאַנצע פֿיגור (עפּעס אַזוי צעשויבערט און אָפּגעלאָזן, ווי אַ שווער, צעקנייטשט איבערבעט. דער טאַטע איז שווייַגנדיק אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, מיט דער איבערגעבונדענער האַנט אויפֿגעהאַנגען אויף אַ ווייַסן טיכל אַרום האַלדז. און אַז מאירל האָט פּלוצעם דערשפּירט (עפּעס אַ געהיימען שרעק און האט זיך פֿונאַנדערגעוויינט אויפֿן קול, האָט דער טאַטע בלויז געוואָרפֿן אויף אים (אַ כמורנעם, רויען בליק) און האָט זיך ווייַטער געשפּאַנט אָן לשון איבערן צימער.

④ אויפֿן ים

אין דרייַ וואָכן אַרום זענען זיי אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. בעת זיי זייַנען געווען אויפֿן וואַסער, האט עס זייער געוואָרפֿן, און די מאַמע איז די גאַנצע צייַט געלעגן אונטן אויף איר בעטל און האָט שרעקלעך געבראָכן. מאירל איז געווען געזונט, און דער טאַטע פֿלעגט אַרומגיין אויף און אָפּ, אויבן, אויפֿן דעק, אַפֿילו אונטערן גרעסטן רעגן, ביז מ'פֿלעגט קומען און אַראָפּטרייַבן.

מאירל ווייסט נישט אַקוראַט, וואָס דעמאָלט איז געשען אַזוינס, נאָר איין מאָל האָט אַ גוי אויפֿן שיף (עפּעס פֿאַרשטעפּעט דעם טאַטן,-- האָט (עפּעס אַ לאָך געטאָן פֿון אים, צי וואָס,-- האָט זיך דער טאַטע אַ שטעל געטאָן און געגעבן אויף יענעם אַ קוק -- דוכט זיך, נישט מער ווי אַ קוק! -- האָט זיך דער גוי דערשראָקן, האָט זיך אָפּגערוקט און זיך גענומען צלמען, און שפּייַען, און שעפּטשען (עפּעס מיט די ליפּן... דעם אמת זאָגנדיק, האָט זיך מאירל אַליין אויך דערשראָקן, זעענדיק, ווי בייַם טאַטן האָט זיך דאָס מויל אויסגעקרימט, זייַנע ציין האָבן געקריצט, און די אויגן זענען בייַ אים ווי אַרויסגעקראָכן פֿון קאָפּ. אַזעלכן האָט אים מאירל נאָך קיין מאָל נישט געזען. אָבער באַלד האָט ער ווידער גענומען שפּאַנען איבערן דעק מיטן קאָפּ אייַנגעגראָבן אין אויפֿגעשטעלטן קאָלנער פֿון זייַן ראָק, די הענט אין די האַרבל, און דער רוקן אַ ביסל אייַנגעהויקערט.

⑤ אין נ״י

און אַז זיי זענען אַרייַנגעפֿאַלן אין ניו-יאָרק, האָט מאירלען אָנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ, און כּמעט באַלד האָט זיך טאַרטילאָוו פֿאַרוואַנדלט אין אַ חלום.

ב.

געווען איז עס אָנהייב ווינטער, און אין גיכן זענען געקומען די שנייען, פֿרישע, ווייַסע שנייען. און עס איז געווען אַ וועלט. מאירל איז געוואָרן אַ "בוי", און בויעס גייען אין "סקול", און וואַרפֿן שניי-קייַקלעך, און פֿלעגן אויפֿן גליטש, און צעלייגן פֿייַערן אין מיטן גאַס -- און קיינער זאָגט נישט אַ וואָרט. אין שטוב כאַפּט מען אָן עס און אַ שלאָף -- און לעבן לעבט מען אין גאַס.

קאַלטע, שטעכיקע ווינטלעך צוען אין שטוב און מאַכן די אומהיימלעך. דער טאַטע, אַ מאָגערער, ברייט-בייניקער ייִד, מיט אַ טונקל-ברוין פּנים און אַ שוואַרצער באָרד, איז פֿון שטענדיק אָן געווען אַ שווייַגער, און זעלטן

ווען מ׳האָט פֿון אים געהערט: "האָרכסטו, ציפּע"... --אָבער איצט שוײַגט ער -- מוראדיק. די מאַמע, פֿאַרקערט, איז געוועזן אַ לעבעדיקע, אַ באַרעדעוו-דיקע, און שטענדיק נאָר אַרומגעטאַנצט, און "שלמה" אַהין, און "שלמה" אַהער, און מעשׂיות -- פֿון דער וועלט! און פּלוצעם האָט זיך דאָס אַלעס ווי אָפּגעהאַקט. דער טאַטע דרייט זיך רק איבער דער שטוב הין און צוריק, און זי דרייט דעם קאָפּ, ווי אַ קינד, נאָך אים און קוקט אים נאָך, גלײַך זי וואָלט שטענדיק וועלן און קיין מאָל זיך ניט דערוועגן עפּעס צו זאָגן. עפּעס נײַעס האָט זיך באַוויזן אין איר קוק, עפּעס אַזוינס -- וואָס, אַ שטייגער?... עפּעס אַזעלכעס, ווי אין די אויגן בײַ "מישקען" -- דעם הונט, מיט וועלכן מאירל פֿלעגט זיך ליב האָבן צו שפּילן ד אָ ר ט ן , אין דעם הלומדיקן שטעטל. עטלעכע מאָל, אויפֿכאַפּנדיק זיך אין מיטן דער נאַכט פֿון שלאָף, האָט מאירל געהערט ווי די מאַמע כליפּעט, און דערבײַ פֿלעגט דער טאַטע, אויפֿן צווייטן בעט, אַזוי פּיפּקען זײַן ציגאַר, עפּעס אַזוי שטאַרק פּיפּקען זײַן ציגאַר, -- און אַ מורא איז עס געווען צו זען, ווי אַ פֿײַערל בלאָזט זיך אויף יעדעס מאָל אין דער פֿינצטער עפּעס ווי פֿון זיך אַליין, אין דער לופֿט, איבערן פּלאַץ, ווו עס מוז ליגן דעם טאַטנס שוואַרצער קאָפּ... נאָר די אויגן בײַ מאירלען שליסן זיך אַליין, עפּעס פּלאָנטערט זיך בײַ אים אין קאָפּ, די מאַמע, מיטן גליענדן פֿײַערל, מיטן גאַנצן צימער פֿאַרזינקען ערגעץ -- און מאירל שלאָפֿט.

צוויי מאָל דורכן ווינטער איז די מאַמע קראַנק געווען. איין מאָל האָט עס געדויערט צוויי טאָג, דאָס צווייטע מאָל -- פֿיר, אָבער ביידע מאָל האָט זי אויסגעזען צו זײַן מסוכן. איר פּנים האָט געגליט, ווי אַן אויוון, די אונטערשטע ליפּ האָט געבלוטעט אונטער אירע שאַרפֿע, ווײַסע ציין, און דאָך האָבן ווילדע מוראדיקע קרעכצן אויסגעזאָגט דעם סוד וועגן ווילדע, מוראדיקע ווייטאָגן. און אָפֿט מאָל, האָט זי געבראָכן, ווי דאָרט, אויפֿן וואַסער,-- געבראָכן אַזוי, ווי אַלע אירע געדערים וואָלטן זיך וועלן אַרויסרײַסן דורכן האַלדז.

און דעמאָלט -- האָט זי שוין נישט געקוקט אויפֿן טאַטן מיט אַ געבעט. ניין, דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש -- דאָס איז געווען -- דאָס איז געווען -- יאָ: מישקע האָט זיך אַ מאָל אַרײַנגעשטאָכן אַ שאַרפֿן דאָרן טיף אין אַ לאַפּע, האָט ער געקוויטשעט, און געברומט בייז און פֿאַרביסן, און געקײַט די לאַפּע, ווי ער וואָלט וועלן זי אויפֿפֿרעסן צוזאַמען מיט דעם דאָרן.

אין יענע טעג איז אויך דער טאַטע געווען אַן אַנדערער. נישט אַרומ-געגאַנגען איז ער שוין איצט איבערן צימער, נאָר אַרומגעלאָפֿן; דער ציגאַר צווישן זײַנע ציין האָט זיך גערויכערט און געכריפּעט אָן אויפֿהער, און אַנשטאָט דעם איינעם וואָלקן, וואָס איז שטענדיק פֿאַרגליווערט געהאַנגען איבער זײַן שטערן, האָבן זיך פֿילע וואָלקנס געיאָגט און געדרייט אין די טיפֿע און ברייטע קנייטשן, און צווישן זיי האָבן פֿון צײַט צו צײַט ווי בליצן דורכגעשפּריצט און אויגנבליקלעך זיך געלאָשן. נישט ער האָט געקוקט אויף די (דער) מאַמען, נישט זיי ביידע האָבן זיך אומגעקוקט אויף אים, מאירלען, וועלכער האָט זיך דאַן געפֿילט אין גאַנצן עלנט און פֿאַרלאָזן.

און -- אַ מאָדנע זאַך! -- גראָד אין יענע טעג האָט עס מאירלען געצויגן צו דער היים. אין גאַס איז געווען ווי אַלע מאָל, און אין שטוב -- עפּעס ווי ימים-נוראים אין שול צו שופֿר-בלאָזן, ווען אַזוי פֿיל גרויסע טאַטעס מיט טליתים איבער זייערע קעפּ שטייען און האַלטן אײַן דעם אָטעם, און פֿון ווײַטן טראָגט זיך איבערן גאַנצן עולם אַליין און מעכטיק אַ לאַנגע, געצויגענע תּקיעה: טאַ-טאַו-ו-ו-ו!...

און בײדע מאָל נאָך דער מאַמעס געזונט-װערן האָט זיך אַ טונקל-גרויער שאָטן װידער געלײגט אויף דאָס (דעם) הויז. דער טאַטע איז געװאָרן פֿינצטערער װי פֿריִער, און די מאַמע האָט אים נאָכגעקוקט דער-שלאָגענער און הינטישער װי אַלע מאָל. און מאירל איז װידער געלאָפֿן פֿון שטוב אין די (דער) טומלענדע(ר) גאַס אַרײַן.

ג.

די װײַסע שנייען זענען געװאָרן זעלטענער, דערנאָך האָבן זײ זיך אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו װײַזן, װי פֿייגלען װאָס האָבן פֿאַרלאָזן זײער נעסט. אין דער לופֿט האָט געהאַלטן אין װערן עפּעס נײַעס, -- װאָס, אײגנטלעך, װאָלט פֿאַר מאירלען שװער געװען צו זאָגן. יעדנפֿאַלס, איז עס געװען עפּעס אַ גוטס, זײער אַ גוטס, דען אַלע אין גאַס האָבן זיך געפֿרײט דערמיט. דאָס האָט מען אָנגעזען אויף זײערע פּנימער, װעלכע זענען געװאָרן ליכטיקער און פֿרײַנדלעכער.

ערבֿ פּסח אין דער פֿרי האָט זיך דער הימל אין הויז אויך געהאַט אַ ביסל אויסגעלײַטערט. די גאַס און די שטוב האָבן זיך װי דערלאַנגט די הענט דורך די צום ערשטן מאָל געעפֿנטע פֿענצטער, און פֿון דער דאָזיקער התקרבֿות איז בײַ מאירלען געװאָרן לײַכטער אויפֿן האַרצן.

טאַטע-מאַמע האָבן געמאַכט הכנות צום פּסח. אָרעמע הכנות זענען דאָס געװען: קײן מצה-פּאָדריאַד מיט זײַן יום-טובֿדיקן טומל, -- אַ פּעקל קאַלטע, אַלט-געבאַקענע מצות האָט מען אין שטוב אַרײַנגעבראַכט; אין װינקל שטײט נישט קײן פֿעסל פּסחדיקן באָרשט, צוגעדעקט מיט אַ גראָבן טישטוך פֿון נישט-געװײַסטער לײַונט; פֿון בײדעם שלעפּט מען נישט דאָס פֿאַרשטויבטע געפּעס, װאָס שטײט דאָרטן מכּמה יאָרן: דער טאַטע האָט געבראַכט פֿון גאַס עפּעס, װאָס ער האָט צונויפֿגעקויפֿט ביליק און נישט צו דער פּאָר. אָבער דער הײך פֿון אַ יום-טובֿ האָט זיך פֿאָרט געשפּירט און געװאַרעמט די נשמה. אין דער הײם, אין טאַרטילאָװו, האָט מאירלען אַ פּאָר מאָל געטראָפֿן צו ליגן בײַ נאַכט אויף זײַן בעטל מיט אָפֿענע אויגן און זיך צוצוהערן מיט אַ האַרץ פֿאַרשטײנערט פֿון שרעק צו דער פֿינצטערער שטילקײט, װערענד די גאַנצע װעלט, דאָס הײסט, די גאַנצע שטוב, איז געװען װי אויסגעשטאָרבן; און עס האָט געניגט אַ פּלוצלינגען פּראָסטן קרײ פֿון אַ האָן אין אַזאַ פֿאַל אויף אַרײַנצוגיסן אין זײַן האַרץ אַ הײסן שטראָם פֿון פֿרײד און הײמלעכקײט.

דעם טאַטנס פּנים איז געװאָרן עטװאָס הײַטערער. בײַ טאָג, װען ער האָט געהאַלטן אין איבערװישן די כּוסות, האָבן זײַנע אויגן געקוקט עטװאָס צעשטרײט, אָבער זײַנע ליפּן זענען געװען אַזױ צוזאַמענגעלײגט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אָט-אָט װעט זיך אויף זײ באַװײַזן אַ שמײכל. די מאַמע האָט דאַן פּמעט פֿרײלעך אַרומגעטאַנצט אין קיך אַרום די ערשטע מצה-לאַטקעס, װאָס האָבן געפּלוידערט און געגאָרגלט אויף דער פֿאַן, -- װען אַ שכנה איז אַרײַנגעקומען לײַען עפּעס אַ טעפּל. מאירל איז בשעה-מעשׂה געװען נעבן דער מאַמען. איר טעפּל האָט די שכנה געקראָגן, די װײַבער האָבן זיך איבער-געװאָרפֿן מיט אַ פּאָר װערטער מכּוח דעם קומענדן יום-טובֿ, דערנאָך האָט די שכנה געזאָגט: "װעלן מיר בײַ אײַך, הײסט עס, אין גיכן האָבן אַ שׂמחה"?... זי האָט מיט (אַ) װוּנק און מיט אַ טמײכל אָנגעװיזן מיטן פֿינגער אויף דער מאַמען, און דאָ ערשט האָט מאירל פּלוצעם באַמערקט, אַז דער מאַמעס פֿיגור איז געװאָרן קײַלעכדיק און פֿול. ער האָט אָבער קײן

צײַט נישט געהאַט וועגן דעם אַ טראַכט צו טאָן: פֿון צווייטן צימער האָט זיך דערהערט אַ בראַזג פֿון צעבראָכענע כּוסות. די מאַמע איז געבליבן שטיין ווי אַ דערשלאָגענע, און דער טאַטע האָט זיך באַוויזן אין טיר.

--גייט! -----

פֿון זײַן שטימע האָבן די שויבן אין די פֿענצטער אַ גרילץ געטאָן, גלײַך אַ שווערער וואָגן וואָלט האַסטיק פֿאַרבײַגעפֿאָרן אויפֿן ברוק.

די דערשראָקענע שכנה האָט זיך עפּעס מאָדנע איבערגעדרייט און איז אַרויס פֿון טיר.

ד.

אומגעלומפּערט האָבן אויסגעזען דער טאַטע און די מאַמע אין זייערע יום-טובֿדיקע מלבושים און מיט פּנימער פֿון אָבֿלים. אומגעלומפּערט האָט אויסגעזען דער גאַנצער סדר מיט אַ געמיט פֿון דער סעודת הפֿסקה ערבֿ תשעה-באָבֿ פֿאַרנאַכט. און ווען מאירל האָט מיט אַ פֿאַרבלאָזער שטים, ווי אַ געדונגענער, געצויגן דעם "מה נשתּנה", האָט עס אים פֿאַרקוועטשט בײַם האַרצן: אַרום אים איז געוועזן מאָדנע שטיל, ווי אין שול בעת אַ יתומל זאָגט זײַן ערשטן קדיש...

דער מאַמעס ליפּן האָבן זיך באַוועגט אָן אַ שום קלאַנג; פֿון צײַט צו צײַט האָט זי גענעצט אַ פֿינגער אויף די ליפּן און איבערגעקערט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, און פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך אַ פֿולע, שווערע און גלענצנדע טרער לאַנגזאַם געקײַקלט איבער איר שיינעם, אָבער דערשלאָגענעם פּנים און איז געפֿאַלן אויפֿן סידור, אויף דאָס (דעם) ווײַסע טישטוך, אויף אירע קליידער. דער טאַטע האָט אויף איר נישט געקוקט. זעט ער, אַז זי וויינט?... און מאָדנע זאָגט ער די הגדה! ער זאָגט אַ שטיקל, זאָגט מיט אַ ניגון, מיט אַ געצויגענעם טאָן, און פּלוצעם האַקט זיך זײַן קול, מאַנכמאָל מיט אַ כאָרכל, ווי אַ האַנט וואָלט זײַן האַלדז צוגעשטיקט... דאַן קוקט ער שווײַגנדיק אין די (דער) הגדה, אָדער דײַן בליק בלאָנקעט זיך אַרום איבערן צימער, (עפּעס) גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. און ער נעמט ווידער זאָגן, און זײַן שטים האַקט זיך ווידער...

געגעסן האָט מען כּמעט גאָרניסט, געבענטשט האָט יעדערער פֿאַר זיך, אין דער שטיל, און פּלוצעם האָט דער טאַטע געזאָגט:

--מאיר, עפֿן די טיר...

עטוואָס מיט מורא און מיט אַ טונקל געדאַנק וועגן אליהו הנבֿיא האָט מאירל אַ צי געטאָן די טיר.

שפֿוך חמתך על הגו-ו-ים,
אשר לא ידעו-ך!...

אַ דראָבנער שוידער איז פּלוצעם דורכגעלאָפֿן איבער מאירלס פּלייצע: אַ פֿרעמדע, גאַנץ אומבאַקאַנטע שטים האָט אַ קלונג געטאָן פֿון איין עק צימער ביזן צווייטן, האָט אַרויפֿגעשאָסן צום באַלקן, האָט זיך אַ שלײַדער געטאָן אַראָפּ און גענומען אַרומוואַרפֿן זיך צווישן די פֿיר ווענט, ווי אַ צעווילדעטער פֿויגל אין שטײַג. מאירל האָט שנעל אומגעדרייט זײַן געזיכט צום טאַטן -- און פֿון פּחד האָבן אים די האָר אָנגעהויבן צו שטעכן אין קאָפּ: גראָד, ווי אַ שטײַף אָנגעצויגענע סטרונע, איז געשטאַנען נעבן טיש עפּעס אַ ווילדע פֿיגור אין אַ שניי-ווײַסן קיטל, מיט אַ טונקעלער באָרד און אַ ברוינעם בײַנעריקן פּנים, און אירע צוויי אויגן האָבן געגליט מיט אַ שוואַרצן, אומהיימלעכן פֿײַער. די צײן האָבן געקריצט, און די שטים איז

צײַטנווײַז איבערגעגאַנגען אין אַ ווילדע קלאָג פֿון אַ חיה, וואָס ברומט נאָך צאַפּלענדיק פֿלייש און וואַרעם בלוט. די מאַמע איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, טרייסלענדיק זיך מיט אַלע גלידער, האָט אַ סעקונדע געקוקט אויפֿן טאַטן, דערנאָך האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו זײַנע פֿיס, האָט אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אַ ברעג פֿון זײַן קיטל און אַרויסגעלאָזן אַ יאָמער.

--שלמה, שלמה, דערהרגע מיך בעסער, שלמה! טויט מיך! או-וי-וי, אומ-גליק...

מאירל האָט דערפֿילט, אַז אינעווייניק אין אים קערן זיך איבער אַלע געדערים, גלײַך אַ ברייטע האַנט מיט לאַנגע, באַנעגלטע פֿינגער וואָלט זיך אין זיי אײַנגעגראָבן און זיי איבערגעדרייט מיט איין ריס. זײַן מויל האָט זיך ברייט און קרום געעפֿנט, און אַ קינדעריש-דערשראָקן געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ אים פֿון האַלדז. טאַרטילאָוו האָט זיך פּלוצעם אַ ווילדן דריי געטאָן פֿאַר זײַנע אויגן. דערשראָקענע ייִדן האָבן זיך געטראָגן איבער דער גאַס, ווי בלעטער אין אַ שטורעם. דער בלאַסער רבי איז געזעסן אויף זײַן שטול, און זײַן אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. די מאַמע איז געלעגן אויפֿן בעט אַ צעקראָכענע, ווי אַ צעקנייטשט איבערבעט. מאירל האָט דערפֿילט קלאָר און שאַרף, אָט ווי עס וואָלט געשטאַנען פֿאַר זײַנע אויגן, אַז דאָס אַלעס איז נ י ש ט פֿאַריבער, אַז עס פֿאַנגט זיך ערשט אָן, און אַז דאָס אומגליק, דאָס גרויסע, דאָס אמתע אומגליק קומט ערשט, און אָט-אָט וועט עס פֿאַלן אויף זייער הויז, אויף זייערע קעפּ, ווי אַ דונער -- און צום צווייטן מאָל האָט זיך אַ געשריי פֿון ווילדן, הילפֿלאָזן שרעק אַרויסגעריסן פֿון זײַן האַלדז...

עטלעכע שכנים איטאַליענער זענען געשטאַנען אין קאָרידאָרס נעבן דער טיר, האָבן געקוקט אויף די (דער) אומפֿאַרשטענדלעכע(ר) סצענע און דערשראָקן געשעפּטשעט עפּעס צווישן זיך. און אין צימער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן די ווילדע קללה, איין סעקונדע אין שטאַרקע, שטאָלענע טענער, אַ צווייטע -- מיט אַ פֿאַרביסענעם כריפּען פֿון אַ געקוילעטן. -----

------------שטאַרקער גאָט!
דײַן גאַנצן צאָרן אויף די פֿעלקער,
וואָס האָבן קיין גאָט אין האַרצן!...

דײַן גאַנצן צאָרן אויף די לענדער,
וואָס פֿרעמד איז דײַן נאָמען פֿאַר זיי!
ער האָט מײַן לײַב געפֿרעסן, געפֿרעסן --
ער האָט מײַן הויז פֿאַרוויסט מיר, פֿאַרווי-סט!

דײַן ב ייז זאָל זיי יאָגן!
זאָל יאָגן -- דערגרייכן,
דערגרייכן -- פֿאַרניכטן
פֿון אונטער די הימלען!...

1907

שעלט מען שוין אויף קינדער

שפּליטערס פֿון זכרון

Shfoykh khamóskho — וואָקאַבולאַר צו „שפֿוך חמתך"

| | |
|---|---|
| taut | אָנגעצויגענע |
| quivering | צאַפּלענדיק |
| shriveled up | צעקנאָכענע |

| | |
|---|---|
| washed [it] out | אויסגעשווענקט |
| going through the motions | פֿון יוצא וועגן |
| days of repentance | תשובה-טעג |
| semester | זמן |
| whirlwind | ווירבל |
| shudder | סקרוך |
| ~~sniffled~~ sobbed [דײַטשמעריש] | געשלוכצט |
| אויף אַן אמת | ווירקלעך |
| disheveled | צעשויבערט |
| quarreled (in this context) | פֿאַרטשעפּעט |
| grated | געקריצט |
| feel dizzy | שווינדלען |
| puffed away | פּיפֿקען |
| dangerously ill [mesúkn] | מסוכן |
| rasped | געכריפּעט |
| petrified (immobile) | פֿאַרגליווערט |
| quick as a wink | אויגנבליקלעך |
| [yómim-noróyim] Days of Awe | ימים-נוראים |
| anyway ~~(דײַטשמעריש)~~ | יעדנפֿאַלס |
| [hiskárves] proximity | התקרבֿות |
| [hakhónes] preparations | הכנות |
| communal [matzah baking] | פּאָצריאַצ |
| ~~that~~ ~~ill~~ בעת (דײַטשמעריש) | וועכצן |
| אַ ביסל ~~(דײַטשמעריש)~~ | עס וואָלס |
| distracted | צעטשרייט |
| -d. blabber, gab | געפּלוידערט |

| | |
|---|---|
| awkward | אומגעלומפּערט |
| last meal before Tisha b'Av | סעודת-הפסקה |
| פּאַמעלעך (דײַטשמעריש) | לאַנגזאַם |